יוסף קערלער

# לידער צו אַניען

(פון פאַרשידענע יאָרן)



## ווילסטו...

ווילסטו –
קאָן איך דיר אַרומנעמען
לייכט, לייכט,
ווי ס׳נעמט אין וויג אַרום
דאָס קינד
אַ שמייכלענדיקער דרימל,

ווילסטו –
קאָן איך דיך אַרומנעמען
שטייף, שטייף,
ווי ס׳וויקלט זיך אַ ווינט
אַרום אַ פלאַם,
ווען ס׳ברענט אַ שיף
אין סאַמע מיט
פון ים און הימל.

נאָר בעסער וועל איך דיך אַרומנעמען,
ווי ס׳נעמט אַרום אַ מענטש,
וואָס איז געשטראָפט מיט בענקשאַפט
און געבענטשט!..

## שוואַנגערשאַפֿט

ווי די לבֿנה־שטראַלן
אין דער נעץ פֿון בלעטער
באַהאַלטן זיך דורך צניעותדיקע וויעס
דיינע אויגן.
ווי ס׳טרעפֿט אַ קלאָרער זומערטאָג
אַ שפּעטער
און איבער אים אַ רעגן־בויגן,
ווערסטו שטילער אַלץ
און קלאָרער,
און פֿאַרקלערטער,
און ס׳לייכט אַרויס פֿון דיר
אַ חידושדיקער חן,
ווען ביסט מיט לייב־און־זעל
אַן איינגעהערטע
צו זיך אַליין...

און איין מאָל —
ס׳טרעפֿט אַ נאַכט אַזאַ מין —
ווען דו מיט אויגן אָפֿענע דו רוסט,
פּלוצעם — נאָענט, ביי דעם האַרצן סאַמע
הינטער מילדער בענקענדיקער ברוסט —
דער ערשטער שטויס — —
און זע נאָר, ס׳איז די וועלט
פֿון אירע ברעגעס ניט אַרויס!

## מיט דיר

ניט נאָר דער וואַלד —
אַ שוועמל וואָלט אַרויס פֿון זיין באַהעלטעניש
און מיך געכאַפּט ביים זאָגן ליגן,
אַ מינדסטער זונפֿלעק
וואָלט דאַן מיט מיר זיך קריגן,
איך וואָלט די שוואַלב אין הימל
אָנגעוואָרן.
און גוטע פֿריינד, זיי וואָלטן זיך
פֿאַרלאָרן,
ווען איך זאָל זאָגן, אַז אָן דיר
כ׳האָב מיינע יאָרן הפקרדיק צעשאָטן,
כ׳האָב ניט געלעבט, זיך ניט געראַנגלט,
ניט געאָטעמט...

און דאָך,
פֿון זינט מיר האָבן זיך,
ווי טייכן צוויי,
צונויפֿגעגאָסן אויפֿן וועג,
איז גלייך מע וואָלט
אָט ערשט מיך אויפֿגעוועקט,

אָט ערשט מיך אויפֿגעמינטערט
אויף ס׳ניי צו שאַרפֿער פֿרישקייט
פֿון דער קינדהייט.
מיין וואָר איז ליכטיקער —
מיט דיר,
מיין וואָרט איז ציכטיקער —
מיט דיר,
מיין מענטש ווערט וויכטיקער —
מיט דיר,
מיין אמת — ריכטיקער —
מיט דיר!

## וואָס ציטערסטו אַזוי?

מיין טייערע, מיין איינציקע,
דו זיין זאָלסט מיר געזונט,
וואָס ציטערסטו אַזוי פון שרעק —
ס'איז ניט קיין יאַטקעהונט...

דיר דאַכט זיך, נאַרעלע, ער יאָגט
און טראָגט אין פּיסק אַ ביין,
אויף מיר און אויף מיין הויזגעזינד
ער שטשירעט בייז די ציין...

שפּיי אויס דריי מאָל, מיין טייערע,
פון שרעק דו ביסט צעמישט...
צי זעסטו ניט — ס'איז אונדזער פריינד,
וואָס פלעגט אַ מאָל ביים טיש

פאַר פריינדשאַפט אויפהייבן דעם כוס,
געוואונטשן אַל דאָס גוטס,
ביי אונדזער פייער אין אַ קעלט
געפינען פלעגט ער שוץ.

באַרואיק זיך, באַרואיק זיך, –
ס'איז אונדזער גוטער פריינד
און טראָגן טראָגט ער פּשוט ברויט,
אומשולדיק ברויט, מיר שיינט...

יאָ, אונדזער אַלטער גוטער פריינד,
ער טראָגט אַ לאַבן ברויט,
אַן אויסגעביטנס אויף מיין האַרץ
וואָס איך האָב אים פאַרטרויט!

# אַ ליבע־ליד

כ׳וואָלט, ערנוואָרט, ווי כ׳בין אַ ייד,
שוין לאַנג אַוועקגעפאַלן,
ווען כ׳קער זיך נישט צום ליבע־ליד,
צום קוואַל פון מיינע קוואַלן.

די ווייסטע פרעמד וואָלט נישט געלאָזט
פון מיר קיין מינדסטן צייכן
פאַרשלונגען מיך, פאַרדעקט מיט גראָז,
ווען נישט דיין שטילער שמייכל.

ווען נישט דאָס גליק פון דיינס אַ בליק,
וואָס תמיד אומדערוואַרט איז,
צי דען די פענטעס וואָלט צעפליקט
מיין האַרטע איינגעשפאַרטקייט?

און אויב נישט ווערט בין איך די גנאָד
פון טריישאַפט וואָס באַפליגלט —
די לופט פון אונדזער שיינער שטאָט,
מע זאָגט — זי מאַכט אונדז קליגער —

דער אַלטער איילבירט־בוים, ער בליט,
אויף אַלטן שטיין וואָס ליכטיקט.
איך קום אויפסניי צום ליבע־ליד,
צום ליבע־קוואַל פון דיכטונג.

## באַשערטקייט

שלאָפֿט מײַן ווײַב און איבער איר
שוועבט אַ שטערנדיקע שטילקייט
הער איך אײַן זיך אָן אַ ריר
אין מײַן חידושדיקער מילדקייט —

דאַכט זיך, זינט כ׳געדענק זיך נאָר
זײַנען מיר אַזוי צוזאַמען,
גלײַך ס׳וואָלט אייביק בענקענדיק
אונדז געבענטשט
די זעלבע מאַמע,

דאַכט זיך, אונדזער טײַער קינד,
צו זײַן יונגנט מיר באַגלייטן
אייביק, אייביק ווי אַצינד
וועלן פֿריש בלײַבן די קוויטן...

כ׳בענטש דאָס גורל דאָס גערעכטס,
וואָס פֿאַרקניפּט האָט אונדז צוזאַמען
ווי דער שטורעם־ווינט פֿאַרפֿלעכט
צוויי צעבושעוועטע פֿלאַמען...

אין דײַן אָטעם כ׳הער זיך אײַן —
אונדזער האַרץ סע קלאַפּט בשלום.
וואָר ווי די לבנה־שײַן
האַלב אין דרימל, האַלב אין חלום —

פֿול מיט ליכטיקייט איך שפּיר
אין פֿרימאָרגנדיקער לינדקייט:
שלאָפֿט מײַן ווײַב און איבער איר —
אַזאַ רחבֿותדיקע שטילקייט.

## ס׳איז ווערט...

כ׳בין אפשר טאַקע, ווי דו זאָגסט,
אַ שטיקל סוס —
פֿאַר יעדן איינציקן געפֿין איך אויס
אַ זכות,
נאָר נישט פֿאַר זיך
און, ווי דיר דאַכט, אויך נישט פֿאַר דיר...
טאָ וויפֿל איז דער שיעור:
אַזוי פֿיל מאָל האָט מען מיין צוטרוי
אויסגעלאַכט,
און כ׳קרענק נאָך אַלץ נישט
מיט קיין שטעכיקן פֿאַרדאַכט!

טאָ זאָל דאָס דיר נישט קימערן,
מיין אויסדערוויילטע,
פֿאַראַן נאָך טיפּשים, פּונקט ווי איך,
זאָל זיין געציילטע:

נאָך יעדן קין־קלאַפּ,
זיי הייבן אויף זיך,
טרייסלען אָפּ דעם שטויב
צוזאַמען מיט אַ שטיקל האַרץ,
וואָס גלויבט

און שפּאַנען ווייטער, עטוואָס איינגעבראָכן,
געבענטשט מיט יענער קללה,
צי געשטראָפֿט מיט יענער ברכה
פֿון שענקען צוטרוי דעם וואָס קומט אַנטקעגן...

און אויב דו ועסט, מיין טייערע, מיך פֿרעגן:
צי איז עס ווערט?
כ׳וועל ענטפֿערן:
אויב איינער צווישן צען איז דאָס דערווערט
איז פֿאָרט כדאַי צו וואָגלען אויף דער ערד.

## מײַן ריף

װאָס הײסט עס דען —
איך האָב דיך ליב? —
דערשפּרײט האָב איך — דו ביסט מײַן ריף,
װאָס כ׳האָב פֿון אור־צײַטן פֿאַרשלאָפֿן.
פֿון דאַן — נישט אױפֿגעהערט צו האָפֿן,
געװאָגלט איבער פּוסטע ערטער,
געזוכט פֿון בענקשאַפֿט אַ פֿאַרצערטער
און װען ס׳האָט לופֿט שױן אױסגעפֿעלט,
מײַן טראָט כ׳האָב איבער תּהום געשטעלט,
די הענט צום לעצטן מאָל געשטרעקט —
האָסטו דאַן פּלוצעם זיך אַנטפּלעקט
געהײם און הײמיש, אומגעריכט
און פֿרישער פֿון פֿרימאָרגן־ליכט
אױף אָט דער װילדער זיסער ערד,
װאָס גאָט, ברוך הוא, האָט אונדז באַשערט!
װאָס הײסט עס דען,
איך האָב דיך ליב? —
בײַם סאַמע האַרץ ביסטו מײַן ריף.

# געדענקסטו דעם שלאַקס־רעגן

געדענקסטו, ווי ס׳האָט דאַן געפּליוכעט אַ רעגן?
אַ זון מיט אַ רעגן! אַ זוניקער מבול!

ס׳האָבן געשטראָמט און געפּלייצט מיטן וואַסער
גאַסן און פּלעצער, און שטאָטישע סקווערן...
ווי העלפאַנדן
האָבן זיך פריילעך פּאָליושקעט
טראָלייבוסן בלויע...

איין טייל פונעם הימל האָט ממש געשיינט,
אויף חידושים — אַ קלאָרער,
נאָר שטיקער פון כמאַריקן טייל —
דער ווינט האָט געריסן,
אין פּנים געשמיצט מיטן רעגן.

מיט יעדן זיגזאַג פון אַן אויפבליץ,
מיט יעדן געקנאַל פונעם דונער —
דאָס האַרץ איז פאַרצאַפּלט געפאַלן,
באַגלייך דו וואָלסט פאַלן אין אָפּגרונט.

געדענקסטו ווי ס׳האָט דאַן געפּליוכעט אַ רעגן?
אַ זון מיט אַ רעגן! אַ זוניקער מבול!

און מענטשן,
צעטומלטע מענטשן, פאַרהויבן די קאָלנערס,
געבויגן די קעפּ אונטער שירעמס צעווייקטע,
געשמיסן פון ווינט און פון וואַסער,
זיי זיינען געלאָפן, געשטופּט אונדז,
געשטויסן:
— צעדרייטע אַזעלכע,
זיי זוכן קיין ווינקל,
קיין ווינקל קיין טרוקנס פון אונטער אַ דאַך!...

און מיר?
מיר האָבן זיך אויסגעטאָן באָרוועס, ווי קינדער,
מיר זיינען געגאַנגען פּאַמעלעך, פּאַמעלעך,
כמעט ווי געשוואומען, —
פֿאַרפלאָכטן די פינגער,
די הערצער צוזאַמענגעפלאָכטן
מיט זון און מיט רעגן
און אויך מיטן זון — אונדזער קינד,
וואָס באַדאַרף אויף דער וועלט ערשט נאָך קומען...

געדענקסטו ווי ס'האָט דאַן געפליוכעט אַ רעגן?
אַ זון מיט אַ רעגן! אַ זוניקער מבול!
צי וועל איך פֿאַרגעסן? —
כ'זאָל קיינמאָל פון קראַפּט און פון זאַפּט
מער נישט וויסן,
ווי טרוקענער דאָרן, פֿאַרלאָרן כ'זאָל גיין
אין דער פרוכטלאָזער וויסטע, —
אויב איך וועל אַמאָל
אַ רגע פֿאַרגעסן,
דעם שלאַקס־רעגן יענעם
אין ליכט פון מיין ליבשאַפט!

## און ווייסט, מיין טרייסט...

נישט יעדן מיטוואָך איז אַזוינס באַשערט —
גלייך ס׳וואָלט דער הימל
זיך צווינויפגעשטויסן מיט דער ערד
און כ׳בין געפאַלן,
און ווייסט,
אויך דאָס האָט אפשר זיך געלוינט,
כדי דורך שוואַרצע קנוילן פּיין
זאָל אַ פאַרצווייפלטע
זיך דורכברעכן צו מיר
אַזאַ מין לינדערניש, אַזוי פיל שיין —
פון בלוטלאָז־בלייכע ליפּן
דיין געבליפּ:
— איך האָב דיך ליב!...

דאָס לעבן, דאַכט זיך,
האָט אונדז ווייניק וואָס געשוינט
און ווייסט, מיין טרייסט? —
אויך דאָס האָט זיך געלוינט,
און ס׳איז נישט אָפּצושאַצן,
גלויב מיר, נאָר די ווערט
פון אונדזער האַוועניש
אויף אָט דער ערד, — —

ווייל אויך אפילו
נאָר מיין לעצטן כריפּ,
ווען כ׳וועל שוין וואָגלען
אין דעם סודותפולן "דאָרט",
וועט פליגלען דאָ
מיין אָפּרוף — כ׳האָב דיך ליב!...
און ברענענדיק וועט בליען
אָט דאָס וואָרט.

# זיך איינגעליבט

איך האָב זיך
איינגעלביט אין דיר,
ניט פון דעם ערשטן אויגנבליק
און דאַנקען גאָט,
וואָס ניט פון ערשטן!
דער ערשטער אויגנבליק
פאַרבלענדט
און בלינד געוואָרענע
באַהערשט ער
און שפּעטער ווען זיין כישוף
זיך צערינט
ווי פליגל ברעכן זיך די הענט —
אומזיסט —
בלייבסט הפקר
ווי פּאָלאָווע אויפן ווינט.

איך האָב זיך איינגעליבט
ס׳קען זיין אַ ביסל שפּעטער,
ווען אויף דער פריי
האָבן זיך פלאַטערדיק
צעקלונגען גרינע בלעטער
און מיר, פאַרוואָרפן ווייט
פון בוים און גראָז,
דורך טונדרע,
אַ פאַרקאָווועטער פון פראָסט,
געגאַנגען זיינען מיר
צום לעבן אונדזער טויטן־גאַנג,
דורך שניידנדיקע זאַווערוכעס,

ווען ס׳האָבן ווילד כאָכאָטשעט און געקלאָגט,
פאַריאָגט צוריק אין גאָרגל
דאָס געזאַנג,
די שדים אומריינע,
די אַל די וויסטע רוחות...

ס׳קען זיין אַזוי.

נאָר ניין, נאָר ניין,
כ׳דערמאָן זיך שוין
גענויער פון גענוי —
ווען אויף דער וועלט,
דער ערשט־געבוירענער
אַן אויסגעשווענקטער אין דער פרישקייט
פון באַשאַפונגס־טוי,
אין שטיל־געדיכטן שאָטן
פון דעם קלוגן בוים
כ׳האָב דיך דערשפּירט
און אַ פאַרחידושט־גליקלעכער
באַנומען האָב איך קוים —

איך האָב זיך איינגעליבט...

*

פאַר אַניען

שטאַרקער וויין
פון טיפֿן קעלטער —
יונגע ליבשאַפֿט
אויף דער עלטער,

שקיעה־שיין
אַ היים צעגליטע
אויף די וויעס מיינע
ציטערט,

מילדער סוד
אין ליד פֿאַרטייעט —
אויפֿגיין זאָל אויפֿסניי
מיין פֿייער:

— גוטע נאַכט,
מיין זון־פֿאַרגאַנג
— אַ גוט־מאָרגן,
זון־געזאַנג!

*

צוזאַמען האָבן מיר —
ווי זאָגט מען דאָס —
אַ פּוד מיט זאַלץ,
שוין אויפֿגעגעסן...
טאָ לאָמיר אויף אַ רגע
זיך פֿאַרגעסן,
אויף יענער ליכטיקער
און אויסגעבענקטער רגע,
וואָס קען אַ פּוד מיט זאַלץ
אַריבערוועגן.

*

ס'האָבן געשוואָרן
הימל און ערד? —
איך האָב געשוואָרן
און דו האָסט געהערט

און קיינער ניט מער
צווישן שטערן און זאַמד,
דער איינציקער עדות —
דאָס איינציקע לאַנד.